**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/20/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט נייע סטעיט באמיאונגען צו אדרעסירן פליטים און מיגראנטן קריזיס נאכפאלגנדיג פעדעראלע פארלענגערונג פון צייטווייליגע באשיצטע סטאטוס**

***ווייסער הויז אנאנסירט נייע שריט אויף ארבעט אויטאריזאציע פאר בארעכטיגטע מענטשן נאכפאלגנדיג שמועס צווישן פרעזידענטביידן און גאווערנער האקול***

***ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט וועט פארבינדן ארבעט-בארעכטיגטע פליטים און מיגראנטן מיט ארבעטסגעבער וועלכע זוכן ארבייטער***

***סטעיט האט צוגעטיילט מער פון 30 מיליאן דאלאר צו העלפן מיגראנטן אריינגעבן פאפירן צו באקומען ארבעט אויטאריזאציע***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט נייע סטעיט באמיאונגען צו אדרעסירן די פליטים און מיגראנטן קריזיס אין ניו יארק, נאכדעם וואס ווייסער הויז בעאמטע האבן אנאנסירט אז געוויסע מענטשן פון ווענעזועלא וועלכע האבן זיך אויפגעהאלטן אין די פאראייניגטע שטאטן די גאנצע צייט פון יולי 21, 2023, אדער שפעטער וועלן זיין בארעכטיגט צו אפלייען פאר צייטווייליגע באשיצטע סטאטוס. די אנאנס קומט נאך מער פון א יאר פון שתדלנות פון גאווערנער האקול און א ברייטע קאאליציע פון ניו יארקער וועלכע ארבעטן צו פארזיכערן ארבעט אויטאריזאציעס פאר פליטים און מיגראנטן, ערלויבנדיג זיי צו ארויסגיין פון די שעלטערס און אנהויבן לעבן זעלבסטשטענדיגערהייט.

"ארבעט אויטאריזאציע איז די וועג ארויס פון די מיגראנטן קריזיס", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מענטשן וועלכע באקומען לעגאלע ארבעט סטאטוס וועלן קענען ארויסגיין פון די שעלטערס, טרעפן ארבעט געלעגנהייטן און באקומען זייער טשאנס פאר דעם 'אמעריקאנער טרוים'. די אנאנס פון דעם ווייסן הויז איז א קריטישע טריט, ארויפלייגנדיג די מענטשן אויף די רעלסן צו באקומען לעגאלע סטאטוס וואס קומט מיט אן ארבעט אויטאריזאציע. פרעזידענט ביידן האט ווידעראמאל געבערענגט רעזולטאטן פאר ניו יארקער, און מיר זענען דאנקבאר פאר מאיאריטעט פירער שומער, פירער דזשעפריס, סענאטארשע דזשיליבראנד, מעיאר עדעמס, דעמאקראטישע מיטגלידער פון די ניו יארקע קאנגרעסלייט און פאר ביזנעס און לעיבאר פירער וועלכע האבן געשטיצט די אונטערנעמונג."

פירער היינט נאכט האבן פרעזידענט ביידן, סעקרעטאר מעיארקעס און די היימלאנד זיכערהייט דעפארטמענט אנאנסירט אז די צייטווייליגע באשיצטע סטאטוס (Temporary Protected Status, TPS) וועט באנייט ווערן פאר געוויסע מענטשן פון ווענעזועלא. אונטער דעם פעדעראלן געזעץ קענען מענטשן אונטער א TPS ווערן לעגאל אויטאריזירט צו ארבעטן 30 טעג נאכן אריינגעבן זייער אפליקאציע, אין די צייט וואס אנדערע ניי-אנגעקומענע מענטשן דארפן ווארטן פאר 180 טעג. אין די צייט וואס זיי ווארטן פאר 180 טעג פאר זייער לעגאלע ארבעט סטאטוס, קענען פליטים און מיגראנטן נישט

פארדינען א געהאלט אדער באצאלן רענט, פירנדיג צו פארלענגערטע תקופות פון איינשטיין ביי רעגירונג-פינאנצירטע שעלטערס אדער האטעלן.

גאווערנער האקול האט פאראדנט די ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט צו פארבינדן ארבעטסגעבער מיט ניי-בארעכטיגטע פליטים און מיגראנטן וועלכע זענען אויפן וועג צו באקומען ארבעט אויטאריזאציע. מער פון 70 סטעיט איינגעשטעלטע, פארטרעטנדיג 16 באזונדערע סטעיט אגענטורן, זענען ארויסגעברענגט געווארן צו ארויסהעלפן אין די ארבעט אויטאריזאציע אונטערנעמונג. לעצטער חודש האט די גאווערנער [אנאנסירט](#) אז די דעפארטמענט איז ארויסגעקומען מיט א נייע [פארטאל](#) וואס ערמעגליכט ביזנעסער צו לאזן וויסן פאר די סטעיט אז זיי וואלטן זיך געפריידט ארייננצונעמען נארוואס-אויטאריזירטע מענטשן צווישן זייערע ארבייטער. די דעפארטמענט האט אויך געשאפן א נייע [רעגיסטראציע](#) פראצעדור וואו פליטים און מיגראנטן מיט ארבעט אויטאריזאציע קענען זיך רעגיסטרירן פאר הילף. בעאמטע פון די ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט און די פאראייניגטע שטאטן לעיבאר דעפארטמענט וועלן זיך צוזאמטרעפן אין די קומענדיגע טעג צו דיסקוסירן געלעגנהייטן פאר צוזאמענארבעט און וואוקס.

אונטער גאווערנער האקול'ס אנווייזונג איז ניו יארק סטעיט גרייט צו העלפן ווענעזועלער און אנדערע פליטים און מיגראנטן צו אריינגעבן די ריכטיגע פאפירן צו קענען שנעלערהייט באקומען לעגאלע ארבעט סטאטוס. ארבעטנדיג בשותפות מיט פעדעראלע און סיטי בעאמטע, געפונט זיך ניו יארק אין א "חודש פון שריט" ווען מער פון 50 איינגעשטעלטע פון די פעדעראלע היימלאנד זיכערהייט דעפארטמענט געפונען זיך אין ניו יארק צו ארבעטן צו איבערקוקן ארבעט אויטאריזאציע פאפירן. דאס בויט ארויף אויף נאך 20 מיליאן דאלאר וואס איז צוגעטיילט געווארן צו העלפן ניו יארק סיטי מיט א [פארמערטע צאל קעיסעס](#) דורך די NYC Health + Hospitals, און אזוי אויך 10 מיליאן דאלאר פאר [לעגאלע סערוויסעס](#) פאר מיגראנטן צוגעטיילט אין די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024.

גאווערנער האקול האט אנגעוויזן אויף ארבעט אויטאריזאציע אלס די הויפט שליסל צו ברענגען אן ענדע צו דעם קריזיס. זי האט ארויפגעברענגט די נושא מיט די הויכראנגיגע אדמיניסטראציע בעאמטע דורכאויס איר [זיצונג](#) ביי דעם ווייזן הויז דריי וואכן צוריק, ווידערהאלנדיג א פארלאנג וואס זי האט געמאכט אין א [בריוו](#) צו פרעזידענטביידן פריער דעם חודש. די גאווערנער האט געשטיצט ניו יארק סיטי דורכאויס דעם קריזיס, אריינרעכענענדיג מיטן צוזאגן מער פון 1.7 ביליאן דאלאר אין סטעיט פינאנצירונג אנגעהויבן מיט די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024, ארויסשיקנדיג מער פון 2,000 זעלנער פון די נעשענעל גאַרד און מאבילליזירנדיג שטחים אין סטעיט רעגירונג אייגנטום צו גענוצט ווערן פאר הומאניטארישע עמערדזשענסי פארלייכטערונג און אפרופונג באמיאונגען.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418

[זיך ארויסשרייבן](#)